STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10124

BAYM FAYERTOYER

Nahman Rapp

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נחמן ראפּפּ / ביים פייערטויער

נחמן ראפּפּ

בײַם פּײַערטװיער

ירושלים – 1978

נחמן ראפפ / מול שער האש
NACHMAN RAPP / BAIM FAIERTOIER

©
כל הזכויות שמורות למחבר
Copiright by the author

נדפס בישראל
Printed in Israel
1978

דערשיינט מיט דער מיטהילף פון יידישן שרייבער פאראיין אין ישראל,
אליעזר פינעס־פאָנד און פאָנד פאר ליט און קונסט ביים שטאט־ראט
תל־אביב.

צייכענונגען : חיים דינר

פארלאג ״אייביק״ ירושלים



אין יאָר 1943 האָט זיך פאַרענדיקט די טבילה אין ליידן. דעמלט איז דאָס פאָלק אויפגעשטאַנען צו טבילה אין פייער. געטאָ־אויפשטאַנד, קאַמף אויף שלאַכט־פעלדער, באַפרייאונגס־קאַמף פאַר אייגענער היים, מבצע־סיני, ששת־ימי הווונדער, יום־כפור־קרבן.

וועגן דעם דערציילן די ווייטערדיקע שורות.

1 9 4 3

אין דער נאַכט פֿון אַפּריל

אין דערדאָזיקער נאַכט אין לבֿנהקער שײַן
באַוויזן האָט זיך אַ געשטאַלט פֿון אַ מאַן

אויף טויער פֿון געטאָ וואָס לויערט אין שטיל
אין לבֿנה'קער נאַכט אין דער נאַכט פֿון אַפּריל.

ווי פֿאַרמעט עס האָט זיך געקנייטשט זײַן געזיכט
זײַן שטערן געשײַנט האָט מיט שטראַליק ליכט.

ער ווענדט זײַן לויטערן בליק אין דער טיף
פֿון געטאָ, וואָס שווימט ווי אַ פֿינצטערע שיף.

זיין בייניקע האַנט טוט דעם חלל אַ ריר,
אין שעה פון נסיון איך קום איצט צו דיר.

באַווייזט זיך אַנטקעגן אויף חרובער וואַנט
אַ בחור אַ יונגער און שטרעקט אויס זיין האַנט.

— לערער, וואָס זוכסטו אין פינצטערע גריבער
דו ביסט דאָך דעם ים־סוף פונלאַנג שוין אַריבער.

צי זעסטו נישט פון די ליכטיקע הייכן
אַז ס'איז נישט באַשערט אונדז דעם ירדן דערגרייכן ?

בליצט אויף אַזאַ ליכט אין די אויגן פון זקן
דער חושך אַרום פאַרשווינדט ווי דערשראָקן :

— דער נס פונעם ים־סוף זאָל לויכטן דיר טייער
און קענסט נישט מיט וואַסער — מוזסטו מיט פייער.

אויפלויכטן וועסטו אין ליכטיקע שטראַלן
ווען טויער וועט ברענען, ברעכן און פאַלן ;

צעברענט זיך אין האַרץ פון יונגן אַ גלויבן —
דעם כבוד פון פאָלק אין פייער דערהויבן.

יונגער גענעראַל

אויפֿן ברענענדיקן מויער
ווי אַ פֿלאַמענדיקער שטראַל
מיטן בליק צום געטאָ־טויער
שטייט דער יונגער גענעראַל.

פֿייערדיקע צונגען אויבן
וועבן אים אין רויך־וואַל
און מיט ביקס אין האַנט פֿאַרהויבן
שטייט דער יונגער גענעראַל.

ער ווייסט, די שלאַכט איז שוין געוווּנען
באַלד ביים ערשטן קאַמף־געשאַל,
ס'איז זיין פֿאָלק אין רום פֿאַרשפּונען
זעט דער יונגער גענעראַל.

הילכן לעצטע קאַמף־געשרייען
לעצטע מויער טוט אַ פֿאַל,
אין רוים זיי שוועבן איצט אינצווייען
דער רום און — יונגער גענעראַל.

הרב הערש זאוואַדע

ווער זאָגט, אַז אויפברויזן קען נאָר אין שטורעמווינט אַ ים,
און שריפות פלאַקערדיקע צינדן אַ בייז ווונדער ?
ווען ס׳ברעכט דער אַלטער דעמב זיך פון זיין שטאַם,
און ס׳ליגט צעוואַלגערט אַ פאַרבלוטיקטער יאָרהונדערט,
קען אויך געשען, אַז אין דער שטילקייט פון אַ טויב,
זאָל זיך אַ צאָרן און אַ האַס אַזאַ אַנטפלעקן
וואָס טאָן זאָל ער זיך ווי אין אָדלערפלי אַ הויב,
און יאָגן זאָל דעם שונא אויף מיילן און אויף שטרעקעס.
די טויב פאַרלוירן האָט איר שטילקייט מיטאַמאָל,
די שוואַכע נעגל אָנגעשפּאָרנט צו בלוטיקע געשלעגן.
עס האָט דער דונער אָפּגעקלונגען אין איר קול,
און ס׳גלאַנצט אין זון איר פליגל ווי אַ שטאָל,
צעפּאַכערטער אויף קרייצנדיקע וועגן.
קען זיין, עס האָט אין יענעם טאָג פון הויך
געקוילערט זיך אויף בערג אַ מאָנענדיקער בת־קול
און ער האָט אָפּגעענטפערט אים דורך זיילן רויך:
"אַזוי דיין ווילן איז און איך בין מסכים".
פאַרנומען האָט די בלוטנדיקע ערד זיין רוף,
אויף אויסגעשטרעקטער האַנט געוואָרט האָט זי אַוודאי

און בענטשנדיק אויף לעבן און אויף טויט זיין גוף,
געגאַנגען איז אין שלאַכט הרב זאַוואַדע...

צוויי יאָר האָט דער שטורעם געצייטיקט זיין פאַרלאַנג,
צוויי יאָר די אומגליקן פון פאָלק האָבן געמאָנט אים,
אַז אויסוואַקסן זאָל ער פון ווילן ביז צו דראַנג,
דאָס בלוט פון זיין קהלה זאָל אין אים אַ מאָן טאָן.
און דעמאָלט איז ער אויפגעריטן אויפן לפיד־אש
פון דעם נקמה־פלאַם אַנטקעגן ים פון צרות,
עס האָט דער ווינט אים פון אַקאָפּ אַ טראָג געטאָן פאָרויס
און האָט אין רעש פאַרמישט די בלעטער פון גמראות,
וואָס האָבן בלאָט נאָך בלאָט אין מוח זיך געמישט,
ווי צו מבלבל זיין פון אמתער כוונה,
מיט לינקער האַנט האָט ער געטאָן די אויגן זיך אַ וויש,
און מיט שווערד אין רעכטער אַ זאָג געטון : כ'וועל קאָנען !
און אויב נקמה — זאָל זי זיין מיט גאַנצער קראַפט !
און אויב אַ שלאַכט — טאָ זאָל זי זיין שוין ווי עס פּירט זיך,
אָ גאָט ! אַ טראָפּן שענק אַצינד מיר פון דיין מאַכט,
צינד אָן מיין צאָרן אין דער דראָענדיקער נאַכט
און זיי מיר מוחל וואָס כ'פאַרגעס אין דיין לא תרצח...

אַז ווויל צו דעם ועמ'ן ס'איז באַשערט צו אויסשטרעקן
זיין האַנט

און אויפנעמען דעם קלאַפּ אין שוץ פון זיינע ברידער.
דעם לעצטן אָטעם אויסהויכן פאַר לעבן פון זיין שטאַם,
אין לעצטער תפילה זאָל נישט ציטערן זיין קול אים,
און שטיין ער זאָל פאַר דער סכנה ווי אַ צאַם,
מיט אייגן בלוט פאַרלעשן דראָענדיקן פלאַם,
און פליסטערן אין גלויבן: שמע־ישראל...
נאָר אים איז נישט באַשערט געווען דאָס גרויסע גליק,
צו זיין דער קרבן פאַר זיין עדה יידן,
עס האָט דער טויט שוין לאַנג דעם צער פאַרוויגט,
די רו די אייביקע פון סאַנדאָמיעזשער קהלה.
און אים, דעם פאַסטעך פון זיין שאָף,
פאַרטריבן, ווי פון וואַלד אַ חיה רעה.
אָ גאָט, האָסט נישט פאַרגונען מיר דאָס גרויסע גליק,
צו אָפּגעבן מיין נפש פאַר מיין עדה
און האָסט געלאָזט ביז היינט מיר אָפּן נאָך מיין בליק,
צו זען די מאַסן־קברים און די שטריק,
די עדות פון דער גרויזאַמער אבידה.
און אפשר האָסט מיין האַרץ מיט דיין מידת־הדין,
אין שעה פון פיין געשטעלט פאַר דיין נסיון,
אַז אינעם פּיין פאַרוועבט, ווי אין די שפּינוועבסן אַ שפּין,
צי וועל איך הייליקן דיין נאָמען קאָנען?
טאָ זאָל די שווערד זיך הויבן אין מיין פויסט,
איר קלונג זאָל שאַרפער זיין פון שאַרפסטן חלף.
און דו וואָס האָסט געזען ווי אונזער לעבן איז צעברויזט,

ווי ס'האָבן בליקן אימת־מותדיק צו דיר געגלייזט —
העלף מיר צום פאַרבייטן דעם ספרא פאַר אַ סייף...
פאַראַן אַ וועג, וואָס ציט זיך גלייך מיט זוניק־העלע ראַנדן
און קלאָר פון ברעג ביז ברעג זיין אָנהייב און זיין סוף איז,
עס ווערט דער שווערער טראָט אויף אים אין העל געזאַנג
פאַרוואַנדלט,
און ס'רוט אין זיכערקייט געמיט באַשירעמט פון אַ ספק.
נאָר ער דורך אומוועגן, מיט דערנער פול באַוואַקסן,
געלאָזט זיך אין אַ וועג פון דורכבראָכן און פרווון,
דער חוב האָט ווי אַ מאַנונג זיך געלייגט אים אויפן אַקסל,
דער פיין פון זיינע ברידער נישט געלאָזט צורו אים.
ס'האָט אייביק און צו אים אַליין געראַדט דער שטורעם —
אַליין אַן עמוד־ענן'דיקע אָנגעפּוישטע כמאַרע,
ביז ער האָט זיך דערזען ווי פון אַלמעכטיקייט דער פורעם,
וואָס קראַכט אויף ווי אַ דונער אויף די פעלד־ביימער
פאַרדאַרטע.
צי דאַרף נאָך דעם צאָרן אויך באַזיניקן אַ ראיה,
און צי נויטיקט זיך דער האָס אין לאָגישן פאַרענטפער?
אַז אין פאַרברענטע ספרים רויכערט זיך דער שם־הויה
און ס'גייט אום ווי אין וואַלד אַ בייזע חיה,
דער שונא איבער געגנטן געשענדטע.
עס האָבן טעג ווי מיט אַ שפּיצעכדיקן בויער,
געעקבערט אין זיין מוח אים, וואָס איז צעפלאַמט געוואָרן:
עס האָבן אויפגעבליצט אין פייער שטיקער זוהר

און ס'האָבן אויפגעמישט זיך בלעטער פון גמרא :
תא חזי... ווי ס'ליגט אַ וועלט אין ווייען און אין פיינען,
און אין ווייטיק קנוילט צונויף זיך ארעא לרקיע,
תא חזי אויף גרויסן בראָך פון אייגן ברודער דיינעם,
תא חזי ווי ס'טריקנט דיין עדה זיך אין בלוט אין אירן.
אָ שומר, זאָג ווען ענדיקט זיך די נאַכט שוין ?
פון אומגעדולד עס ברענט מיין האַרץ ס'זאָל אָנהייבן צו טאָגן,
כ'וויל אויג אויף אויג זיך טרעפן מיט פאַרברעכערישער מאַכט שוין
און אַ געשלאָגענער זי אָנהייבן צו שלאָגן.

באַגלייט מיט צאָרן און מיט פייערדיקער קאַנאָנאַדע,
געגאַנגען איז אין שלאַכט הרב זאַוואַדע...

1 9 4 8

אַ רויטע בלום



מאַי אין דרייצן ניינצן אַכטאונפערציק,
אין כפר הס קום אַן און קוק זיך שטיל אַרום,
ס'האָט איבער נאַכט דאָ, ביי דעם קינדער־גן צעבליטן,
אויפגעשפּראָצט אַ רויטע, אַ מכבי בלום.
וועמענס האַנט האָט איר אין גראָז פאַרזעצט דאָ,
און ווער באַוואַסערט האָט איר יונגן רויט,
עס האָט דער קאַלטער טויט אויף יונגן גוף אירן באַזעצט זיך,
און איר געזייט עס האָט דער טויט.
מאי אין דרייצן ניינצן אַכטאונפערציק,
געגאַנגען איז אין שלאַכט אַ לעבעדיקע בלום.
זיין בלוט פאַרזייט אויף ברענענדיקע ערדן,
אַ בלום אַ רויטע האָט אַרויסגעשפּראָצט דערפון.

עס שטורעמט מדבר ווינט אויף ברייטן פון דעם היימלאַנד,
עס ברויזט דער ים אין ווירבל פונעם ווינט,
און ער, מיט שטיפערישן סווישטש ווי זיין געוווינהייט,
גייט אין שלאַכט, אַ זעלנער און אַ קינד...
וואָס קאָן אַ זעלנער מער באַגייסטערן ווי נגון,
און אַ קינד אונטערן הימל־שטערנדיקן דאַך ?
אַז ער איז ביידע און ס'טוט אים איצט פאַרוויגן
די שטורעם־ליד און הייסקייט פון פלמ"ח.
גייט אין שלאַכט אַ קינד מיט בליקן פון אַ זקן,
צום פאַרטיידיקן כפר טירה און כפר הס,
דער ווירבל־ווינט ווערט פאַר זיין גאַנג דערשראָקן,
און פון דער פינצטערניש עס לויכט אַרויס דער נס :
גופים טייערע פון קינדערשע גבורים
אין יסורים וואַרטן אויף זיין גאַנג.
קומט דער שלאַכטמאַן — דער חובש, מיט זיי אינאיינעם
פויזעט ער דורך פיינטלעכן געדראַנג,
ווער קאָן דעם וועג פאַר יונגן האַרץ פאַרצאַמען ?
פאַר ווען ס'איז דאָס לאַנד אַ קינדער־וויג,
די פרוי די איינציקע געקושט האָט אים — זיין מאַמע,
די קינדערפריינט פון משק, דאָס קעלבל און די ציג,
הייבט אַ בענקשאַפט אין דעם יונגן האַרץ צו נאָגן
צו פעלד און בוים, פונדאַנען נאָר אַ שפאַן ;
צי וועל איך נאָך באַווייזן ביז ברעכן וועט אויף טאָגן

אַ היים קומען און אָנטרינקען דעם דורשטיקן תלתן ?
נאָר ס׳ליגט דאָס גראָז פאַרחלשט אויפן פעלד שוין,
די האַנט פון דעם באַוואָסערער גליווערט אויף אַ שטיין,
מיט אייביקייט און רום באַהעפט האָט זיך דער העלד שוין,
און אין אַ בלום אַ רויטע צעבליט זיך זיין געביין...

אויף פעלדער גרין־צעבליטע באַפרייטע פונעם שונא,
פליען פייגל אום מיט סווישטש און מיט געזאַנג,
זינגען זיי אַ ליד פון אַלע און פון איינעם,
וואָס האָט דאָ דורכגעשפאַנט זיין לעצטן גאַנג...
און ווען די זון פאַרגייט פאַרזאַמלען זיך די פויגל,
ביז ברעכן וועט אויף טאָג, ביז אויפגיין וועט דער פרי,
אַרום דער רויטער בלום, מיט קעפּלעך שטיל געבויגן,
און זינגען אויס דאָס ליד, פון יונגן העלד, פון צ ב י . . .

ביים טויער פון גינגאָלד
ווי הירשן פאַרגליווערטע

און אויפגענומען האָט זיי די נאַכט
צעשטערנטע גרין אין די כוואַליעס פון ים
דער פאַרטייערטער ווינט האָט זיי אַהערצו געבראַכט
צעבראָכענע צווייגן אין ווינט פון געקוילעטן שטאַם,
און געגאַנגען זיי זענען אַנטקעגן אַ ווייטן געדאַכט
אין קליידער די שריפה פון וואַלד און פון היים,
און דער ים האָט געברומט זיי דאָס ליד פון פלמ״ח
פאַרזונגען עס האָבן די כוואַליעס זייער געוויין.
אָט באַלד — און אַ חופה פון פייער וועט אין בלענד פון באַגין
אַ בלענד טאָן פאַר זיי און די ערד וועט זיי ווערן אַ כלה,
נאָר דערווייל גיט זיי איבער דער נאַכט דער ים אין שפּיים

אויף רוקנס זיי ווערן געטראָגן ביים ברעג סידני עלי.
זיי וועלן נאָך האָבן די זכייה צו זען אַ פֿאַרטאָג
וואָס מיט גאָרנישט ענלעך ער איז צו זייערע פֿרעמדע פֿאַרטאָגן,
די ליפּן צעבּרענט פֿון ווייטן יאָמער און קלאָג
באַווייזן זיי ווען שומר מה מליל צו זאָגן.
ביים טויער פֿון גינגאָלד ווי הידשן פֿאַרגליווערטע ווען זיי שטיין,
ירושלים וועט רעדן צו זיי מיט שטאָל און טשוהון,
נאָר זיי ווען בלייבן אין גליווער צווישן פֿרייד און געוויין,
און ברענגען דעם קרבן אויף געצונדענעם סנה ביי לאַטרון.

און געווען צווישן זיי איז אַ זקן צוואַנציק יאָר אַלט,
מיט צעעפֿנטן בליק ווי אַ קינד און שויבער ווייסן ווי שניי,
דורך געטאָ און אוישוויץ זיך פֿאַרברידערט מיט חיה און וואַלד
מיט אַ שטערן צעלויכטן אין ווייטער פֿרעמדער אַרמיי,
ער בליקט צו די בערג אין בלענד אין יענעם פֿאַרטאָג
און ס'בויגן זיך זיינע קני צו אַ תּפֿילה,
אָט איז זי, ירושלים, דאָס איינציקע וואָס ער פֿאַרמאָגט,
זי קילט אירע וווּנדן אין פֿאַרטאָגיקן ווינט אין דעם קילן.
ער וועט קומען צו איר ביים סוף פֿון פֿאַרטאָגיקער שלאַכט
איר לעשן דאָס בלוט אין פֿלאַם פֿון דער קאַנאָנאַדע,
איר ברענגען דעם גרוס פֿון איר זון וואָס אין פֿינצטערער נאַכט

געפאַלן מיט שווערד אין דער האַנט — דער הרב זאַוואַדע,
ביי דיין טויער, ירושלים, זיין איינִיקל שטייט איצט געשפּאַנט
און וועט צו דיין פּראַכט זיך דערשלאָגן מוטיק און גלויביק,
נאָר ס'קומט פון אָשוויענטשים זיין מאַמעס פאַרשוּפּעטע האַנט,
און פאַרמאַכט אים די אויגן און פאַרלעשט אים זיין אומרו
אויף אייביק.

און געווען צווישן זיי איז אַ זקנה, ניינצן יאָר אַלט
אַ געשפּרונגענער הירש פון טויטן־וואַגאָן קיין אָשוויענטשים.
אַ קינד און אַ מאַמע און באַבע אין איינער געשטאַלט,
פאַרשאָלטן פון הימלען פון אַלע און פון קיינעם געבענטשטע,
טויבן צוויי אירע אויגן, איר ברוסט צוויי טויבן אין פלאַטער,
איר בליק קינדיש צעלויכטן צו איר ערשטן פרייען באַגינען,
איר האַרץ אָנגעלאָדן מיט פייער, ווי פון ווּזוּף דער קראַטער,
צוויי פערל פון אירע אויגן ווילן נישט פאַלן און רינען,
אַ ווײַלע שטייט זי פאַרגאַפט מיט סטען אין דער האַנט
אין דער יונגער,
דערנאָך נעמט זי ברויזן מיט פייער: מאַמע, פאַר דיר, ירושלים,
ביז פלוצלונג עס ווערט אויסגעלאָשן דער געטלעכער ווונדער,
איין טויב אויף איר האַרץ גייט אָפּ אין בלוט און אין פייער.

ירושלים, נעם צו דעם קרבן, נעם אַן און באַוויליק,
אַ בוים פון ביימער פון דיינע שטעל זיי צוקאָפּנס ביים קבר,
פאַר דיין תפארת זיי האָבן געבראַכט אים, מוטיק און וויליק,
דעם לעצטן צאַפּל פון האַרץ, דעם לעצטן באַוועג פון אַן אבר.

אויף דער וואַך...

די נאַכט ליגט פאַרשפּונען אין זילבער־געוועב
ס'איז אָפן מיין אויג און וואַך איז מיין אויער,
אויף יענער זייט באַרג הענגט אַ טונקעלער קרעפּ
און עמעצנס בליק אויף מיין לעבן דאָ לויערט.

איך דריק צו מיין גוף די שטאָלענע ביקס,
אַ גרייטע צום רעדן מיט לשון פון פייער,
זיי מוחל קליינער דערנער־געוויקס,
איך טרעט אויף דיין גוף נאָר דאָך ביסט מיר טייער.

איך לען מיין געווער אויף דיין דערנער־געפלעכטן,
מיט פנים צו יענע טונקעלע פלעקן,
ס'איז היינט דאָ די נאַכט נישט ווי אַנדערע נעכט,
זי דאַרף דאָ מיין גוף און מיין לויער פאַרדעקן.

נאָר פלוצלונג צעשרייט זיך אַ פויגל אין רוים,
אַ צווייטער רופט אָפּ זיך פון צווישן די צווייגן,
די זון צינדט דעם קרוין אויפן איינציקן בוים,
אַ דאַנק דיר מיין ביקס פאַר אַ גאַנצע נאַכט שווייגן...

אויף די בערג...

מיט אָנקום פון נאַכט ווערן די בערג
באַדעקט מיטן כשוף פון זילבערנע בלומען,
און טראָגן דאָס ליכט אויף זייערע קערק,
ביז אין פאַרטאָג ווערט דער כשוף צערונען.

ס'איז שטיל דאָ אַרום אין דער זילבערנער נאַכט,
עס פינקלען אין ליכט אויף די קוסטעס די גרויע,
די הייל אין דעם באַרג באַהאַלט אין איר טראַכט,
דעם סוד פון שטרענגן גאַנג בר־גיוראס...

אויך ער איז געגאַנגען דאָ אויף דעם אָרט,
צווישן דעם שטייניקן שמאָלן געקלעטער,
עס קוילערט זיך אַלץ נאָך דאָס שטאָל פון זיין וואָרט,
און גרייכט אונדזער אויער מיט בת־קול פון שפּעטער...

און ווען אין פאַרטאָג עס צערינט דאָס ליכט,
ווערט טונקל אַ ווייל דער באַרגיקער רוקן,
ביז גאָלד פון דער זון טוט אַ פלייץ אומגעריכט,
און קוקסט אויפן וואונדער און ווערסט נישט מיד קוקן...

1956

אין שיין פון ברענענדיקן דאָרן

אלולדיקע טעג מיט גינגאָלד־זון באַגאָסענע,
מיט פרוכטן־רייפקייט אָנגעזאַפטיקט גאָלדערנע פאַרנאַכטן,
ווער האָט אייער גאָלד־געשפּין מיט קלאַנג מיט שוין
פאַרגעסענעם,
ווער האָט אייך אַ רוף געטאָן צו יאָגן זיך אין שלאַכטן ?
עס הענגט די שווערע פרוכט אין דעם פּרדס אין דעם
צעצונדענעם,
אין שקיעה־פלאַם די עפּל צינדן פייערדיק זיך אָן,
די פרייד פון זעט פליט אָן — אַ פויגל אויפגעבונדענער,
אין ליכט און טוי געבאָדענעם, זוניקן שרון.
די פעלדער, ווי די טעפּיכער, אין גרינסן איינגעוויקלטע,
פרוכטיקן אין צייטיקייט גענערט פון טיפסטער טיף,
און איבער זיי דער הימל, אַ צעבלויטער, אַ צעוויקלטער,
יום־טובט איבער פעלדער מיט פרייד פון חג־אסיף.

אלולדיקע טעג מיט שלוה־ליכט מיט האַרבסט־קער,
מיט סטאַדע־טראָט געמאָסטענעם אויף פעלד צו וועג אַהיים,
ווער האָט אייך איצט אויפגעפלאַמט מיט בלוט־געלויף
מיט האסטיקן,
און האָט באַפוילן אייך אין שלאַכט אַריין צו גיין ?

♦

אויף דעם באַרג, יענעם באַרג, פון די טרוימען די אייביקע,
וווּ געוועזן און געזען האָבן בליקן די גלויביקע,

אָט דער גאַנג, יענעם גאַנג, אין פאַרצייטנס געגאַנגענעם,
צו דעם ראַנד פון דעם לאַנד דעם געטרוימטן, פאַרלאַנגענעם.

אויף דעם באַרג, יענעם באַרג, אין דער קלאָרקייט קאַיאָריקער,
וווּ אין פלאַמען געשטאַנען דער מענטש אַ באַהאָריקטער.

און אין ליכט זיין געזיכט געוואָשן, געריייניקט אים,
ביז ער האָט מיט זיין גאָט זיך באַהעפט און פאַראייניקט זיך.

אויף דעם באַרג, יענעם באַרג, וווּ מיט שאָף נישט געפיטערטע,
איז צוזאַמען געשטאַנען דער פאַסטעך פאַרציטערטער.

און אין היץ און אין בליץ פון דער געטלעכער בענטשלעכקייט,
דאָס ליכט אומגעריכט געבראַכט פאַר דער מענטשלעכקייט,

אויף דעם באַרג, יענעם באַרג, יענעם אייביקן, אייגענעם,
פֿול מיט גלויבן, דערהויבן מיט קאָפּ מיט געבויגענעם,

געשטאַנען די ווײַדעס, די עדות פֿון ליכטיקייט
באַקוואַלט און באַשטראַלט מיט מענטשלעכער ריכטיקייט,

אויף דעם באַרג, יענעם באַרג, האָט אַ רויבער באַנעסטיקט זיך,
מיט שרויט און מיט טויט קעגן לעבן פֿאַרפֿעסטיקט זיך,

פֿון דעם בארג, יענעם באַרג, נאָר דאָס ליכט צו באַוויליקן,
איז דער שטן געטראָטן מײַן פֿאָלק צו פֿאַרטײַליקן.

◆

אַ שטילקייט אַ סוף זומערדיקע, אַן אָוונט אַ פֿאַרטראַכטער,
וואָס נאָר דאָס הייסע האַרץ בענקט צו שטילקייט צו אַזאַ,
ווער האָט עס אָנגעיאָגט אונטער לאָדנס צוגעמאַכטע,
פֿונוואַנען יאָגט איצט אָן אַ דזשיפּ אין דער שכונה ?
דער מאָטאָר װערט פֿאַרשטומט ער טוט אַ לעצטן ציטער,
די לויזע שויבן־טיר עס טוט אַ קלונג,

ס׳באַווייזט זיך אין דער טונקל אַ בחור אַ גּעניטער.
אַ שוואַרצער שויבער ווינטיקט אויפן קאָפּ פון יונג.
ער וויקלט אין דער האַנט אַ שמאָל פּאַפּירל,
און גיט זיך אַזאַ לאַך מיט ווייסע ציין:
ווער וועט אים דאָ צום "שיקינאַזי" פירן,
אַז פינצטער איז אַרום, מען זעט נישט ווו צו גיין.
נאָר באַלד באַווייזט אַ יינגל זיך, קונדיסיש צוגעלאָפן,
און שטייט שוין נעבן בחור, נעבן דזשיפּ,
די אויגן ביי דעם יינגל מיט שקאָצישקייט פאַרלאָפן,
און ס׳שאַרצט זיך חוצפּהדיק אַ דינע ליפּ:
דו דאַרפסט צו מאָטקען? קום, איך וועל דיר ווייזן,
לאָז שטיין דעם דזשיפּ, אין וועג אַ וואַדי איז, אַ גרוב.
אָט דאָרטן וווינט ער, אינעם לעצטן הייזל,
ער איז אודאי איצטער דאָ אין שטוב,
אַ קלאַפּ אין טיר, מען ענטפערט אָפּ אים: ביטע,
אין גאַנצער לענג אין שטוב עס שטיין דער יונג,
דער סוד פון נאַכט האָט זיך מיט אים אין שטוב אַריינגעשניטן,
און ס׳פאַלט אַ וואָרט, אַ קורצס, אַ מעסער־קלונג:

מ"פ מאַטקע, מרדכי, און ווייטער
דיין שיקינאַזישע פאַמיליע איז נישט צו לעזן גרינג,
אַלציינס, דאָ שטייט מיין דזשיפּ, מיר וועלן איצט אַ רייט טאָן,
נאָר מאַך עס שנעל, אין זמן, טו אָן זיך פלינק,
דאָס שקאָצעוואַטע קונדיסל עס שטייט פאַרגאַפּט,
דאָס ליכט פון דזשיפּ צינדט אָן אין אויג ביי אים אַ פלאַם,
נאָר אָט האָט ער אויף דזשיפּ זיך שוין אַרויפגעכאַפּט:
חבר, דערלאַנג זיי דאָרט! תהרוג שם את כולם!

◆

די לאָדנס פאַרמאַכט און דאָס פנים פאַרמאַכט,
אין אָנטאָן זי ליגט אויף געלעגער און טראַכט.

וואָס איז געשען דאָ, זי קאָן נישט פאַרשטיין,
מען האָט גאָר פאַרגעסן, מען קומט נישט צוגיין.

אין שטילקייט געפעדערט אין ערב באַגין,
עס גייען די טאַטעס, עס גייען די זין.

אַהינצו, צו שטעלן אַ צאַם דער געפאַר,
צו געבן סכנה מיט לייב אַ פאַרשפאַר.

און דאָ איז אַ שטילקייט אין צימער, וואָס פרעסט,
ווי קאָן עס געמאָלט זיין? מען נעמט און פאַרגעסט?

זיצט סענדער פֿאַרטראַכט אין דער שטילקייט פֿון נאַכט,
כלומרשט, ער דרימלט, ער איז אָבער וואַך.

פֿאַרשפּיצט דעם געהער נישט צו טאָן זיך אַ ריר,
ער וואַרט אויפֿן שטילן קלאַפּ אין דער טיר.

דאָס ייִנגערע קינד שלאָפֿט רואיק זיין שלאָף
און חלומ׳ס אַ חלום פֿון שנייוויַיסע שאָף,

דאָס צווייטע, געוואָרן איז ערשט יאָרן אַכט,
עס ליגט, ווי די מאַמע, אין בעט און עס טראַכט.

וואָס גייט איצט אין קינדישן מוח פֿאַרביי
אין נעכט אָנגעגליטע מיט גלי פֿון סיני ?

ביז פֿלוצלונג טוט גיטל אַזוי זיך אַ זאָג :
סענדער, דו לייג זיך, כ׳וועל וואַרטן אויף טאָג...

◆

די זון האָט קוים באַוויזן זיך אין מדבריקן פּאַס,
די נאַכט האָט אין פּרדסים נאָך פֿאַרבעטן איר געלעגער,
ד׳ ערד איז נאָך פֿון טוי געווען זאַפּטיק־נאַס,
און ס׳האָט געגלאַנצט מיט פֿייכטקייט, מיט נאַכטישער
אויף וועגן.

האָבן שאָטנס זיך געצויגן פון שכונה־גאַס אַרויס,
צום כביש, וואָס ווי אַן אָדער ער ציט זיך אין דער ווײַטקייט,
הינטער דיר מיט לאָדנס בלייבט צוגעמאַכט דאָס הויז,
פאָרויס עס וואַרט אויף דיר די אומבאַוווסטע שטרייטקייט.
גיט גיטל סענדערן דאָס פעקל אַן אַ וואָרט,
זי ווייסט נישט וואָס צו זאָגן אין דער שעה דער הייסער,
זי וויל באַגלייטן, נאָר בלייבט צוגעשמידט צום אָרט,
און פילט ווי איר פאַרלעגנהייט איצט אַלע ווייסן.
זי טוט אַ זאָג: "גו גיי" און ס'ציטערט אויף איר שטים,
די קינדער דאָרט אַליין, כ'דאַרף גרייטן צום בית ספר,
גייט סענדער אויפן רוף אין חיל המלואים,
אין האַרץ גייט אויף אַ פלאַם פון אומבאַוווסטן אייפער.
ערשט הינטער טיר, ווען גיטל איז אין שטוב,
דאָס קינד, דאָס עלטערע, איז וואַך און פול מיט שטוינונג,
דערפילט זי ווי אין האַרץ געוואָרן איז אַ גרוב,
און ס'ציטערט איר די ליפ ווי זי וואָלט וועלן וויינען.
נאָר באַלד נעמט זי דאָס מיידעלע אָנטאָן אויף דער גיך,
און צוליב וואָס געפינט זי נישט דער קליינערס קליידער,
— ווו האָסטו נעכטן אויסגעריכט אַזוי די שיך ?
און מאַמע און דאָס קינס פיבערן איצט ביידע.
די שטוב איז ליידיק. די טאָכטער איז אין שול,
דאָס קליינע יינגל שפּילט אויף גאַס זיך אין מחניים,
ווערט גיטלס האַרץ מיט הוילער פוסטקייט פול,
ווי די הוילקייט וואָלט מיט קולות שרייען.

גייט אויף פֿאַר איר דאָס בילד פֿון יאָרן "דאָרט"
פֿון לעבן הפֿקרן אויף פֿרעמדע וועגן,
וווּ ס'איז געווען פֿאַרשעמט דאָס מענטשלעך וואָרט,
דאָרט האָט זי איר סענדערן באַגעגנט.
געוועזן איז עס אין דער שחיטה פֿון דער וועלט,
געווען זענען די ייִדן די ערשטע אויפֿן מעסער,
פֿון ייִדיש בלוט די ערד האָט אָנגעקוועלט,
פֿון רחמים אָפּגעשלאָסן אַלע שלעסער.
זי זוכט דעם נס וואָס איז זיי דאַן געשען,
ווי האָט ער זיי, פֿאַרמשפּטע, געפֿונען,
אין די הענט ביים תּליון שוין געווען,
און פֿון זיין האַנט, ווי דורכן נס אַנטרונען.
ווער קען דעם גורל דען באַשטימען, און זיין וועג
ווער קאָן פֿון אומבאַוווּסטן אין באַוווּסטן לענקען,
אָט בלויט זיך אין איר פֿענצטער דער אייגענער דער שטעג,
איר לאַנד טראָגט איר איר לעבן אַ געשענקטן.
ס'איז סענדער איצט אַוועק, דאָס לעצטע גליק
מיט בלוט פֿון האַרץ דעם פֿייער־פֿלאַם פֿאַרלעשן,
נישטאָ קיין אומעט איצט אין קלאָרן בליק
זי וועט איר היים דעם חסד נישט פֿאַרגעסן.

◆

די בלויקייט צעשווימט אין דעם זונליכט־געמיש,
אַ זילבערנער אויטאָ זיך יאָגט אויפן כביש

אַ הין ווו מען דאַרף ער איילט זיך, ער ציט,
דורך אָפענע פענצטער עס שפּאַרט זיך אַ ליד.

זאָל זיין ס'איז אַ טעות ? זאָל זיין ס'איז אַ חלום ?
עס זינגען די זעלנער : מיר ברענגען אייך שלום !

ווער האָט עס געבראַכט און ווער האָט עס פּאַרטראַכט
אַ שלום אין האַרץ פון אַ שלאַכטיקער נאַכט ?

פּאָרויס אויף זיי וואַרט אַ באַשיצונג די גרוב
נאָר מיט זיך מען טראָגט נאָך דעם ריח פון שטוב.

געקומען אַהער איז מען גלייך פונעם פעלד
די שפע עס וואַקסט דאָרט פאַר היימיש געצעלט.

די יידישע מי האָט צעבליט זיך פאַר יידן,
ווי אַנדערש קאָן זיין איצט דאָס ליד אויב נישט פרידן ?

און אויב די געפאַר איצט באַשווערט דעם געמיט,
געפאַר איז געפאַר און אַ ליד איז אַ ליד.

עס שפּאַרט איצט דער אויטאָ צו גרענעצן גלייך :
מיר ברענגען דעם שלום, דעם שלום פאַר אייך !

♦

אַ טאָל אַ באַרג און נאָכאַמאָל אַ טאָל,
ביז מען איז צום פּלאַץ שוין צוגעפּאָרן,
צי איז מען שוין געוועזן דאָ אַמאָל,
צי איז עס אַ געדעכעניש פון יאָרן?
קוקט סענדער אין דער ווייטקייט זיך אַרום,
אים היימיש ווערט די אומבאַקאַנטע געגנט,
פונוויטן ליגן בערג פאַרגליווערט שטום,
נאָר ס'דאַכט זיך אים ער האָט זיי ווען באַגעגנט,
ער איז אַמאָל געווען דאָ אויף געוויס,
מען דאַרף אַ מיש טאָן דעם זכרון מיט אַ סדר,
נו יאָ, ער האָט געשטעלט דאָ זיינע פיס,
צוזאַמען מיט זיין רבין אינעם חדר,
די שבטים האָבן דאָ גערוט נאָך הייסער שלאַכט,
גענומען דאַן דעם שונא אין אַ קלעם,
אַ מאָל,ביים סוף פון איינער אַזאַ נאַכט,

האָבן שמעון־לוי צערעכנט זיך מיט שכם.
און סענדער דער גראַטעװעטער פֿון בלוטיקן יריד,
איז אויך מיט שמעון און מיט לוי דאָ געװען,
אַ סימן, אויך אין פוילן באַליידיקט האָט מען אים, דעם ייד,
די שנאה האָט צום אים, װי אין דעם חומש שטייט, געברענט.
ער קוקט מיט קלאָרן בליק אין נאָנטער װייט,
און קאָן נישט זאָט מאַכן די הונגעריקע בליקן,
װעט טאַקע זיין דאָ דער פֿאַרביסענער דער שטרייט,
װעט טאַקע דאָ די שנאה הײַנט בלייבן אַ דערשטיקטע ?
פֿאַר בליק אַ שאָטן פליט פֿארביי, אַ שניט,
אַ באַרגפֿויגל איז שאַרף אַדורכגעפֿלויגן,
מיט לייכטן ציטער שויבערט זיין געמיט,
עס קוקן פֿיבערדיק צו אים באַקאַנטע אויגן.
עס רעדט צו אים מיט בליקן־שפּראַך אַצינד
זיין גיטל אויף דער שכונה־גאַס געלאָזן,
עס רעדן צו אים אויגן פֿון זיין קינד
ער זאָל געפֿאַר צום בעטל נישט דערלאָזן.
פֿאַרבייסט ער, סענדער, ציטעריקע ליפּ.
באַפֿעלט צעהיצטן מוח נישט צו טראַכטן,
ס'איז אייביק שוין געװען אַזוי, דאָס ביסל גליק
מען מוז פֿאַרטיידיקן און אויסקעמפֿן אין שלאַכטן.
שטייט ער סענדער אין דעם טומל דאָ אַזוי

און הערט זיך צו פֿון באַרגפֿייגל דאָס שרייען,
ביז ער הערט דאָס קול פֿון דעם מעם־פּיי,
חברים, אָרדנט איין זיך גלייך אין רייען.

◆

די זון איבער בערג גייט איר וועג איצט פֿאַרביי,
עס שטייען די זעלנער מיט ביקס אין דער ריי.

עס רעדט זיך נאָר זעלנער: פֿאַר שטייפֿקייט פֿון וואָרט,
טאַטע פֿון קינד שטייט מיט ביקס איצט געפּאָרט.

און ווי אויף פֿאַרווײַלונג און ווי אויף אַ שפּאַס,
ער רעדט צו זיי וויציק דער יונגינקער מ״ז.

די זון האָט באַמאָלט מיט בראָנז זײַנע האָר,
די אויגן זיי לויכטן מיט קוים אַכצן יאָר.

ער רעדט און ער שמייכלט און קוקט צו די שיך:
ס׳איז יעדער פֿון אייך פֿיל עלטער ווי איך,

נאָר מילא אַזוי איז דער סדר פֿון וועלט,
פֿון היינט וועט איר בלייבן צו מיינעם באַפֿעל.

פֿון יענעם פֿעלז דאָרט וואָס שטייט ביי דעם וועג,
ביז דאָרט וווּ עס פֿירט צו דעם באַרג יענער שטעג,

די גאַנצע מדינה מיט אַלץ אינדערמיט,
עס ליגט איצט פֿאַרבאָרגן אין דעם שאַרפֿן שניט.

איז נעמט עס און היט עס, עס וואַרט נאָר אויף אייך,
דער טאָג איז מיט אייך און די נאַכט איז מיט אייך.

◆

אויף מדבר־וועג אָן סימן פֿון אַ וועג,
האָבן יונגע לייבן זיך געלאָזן,
אין נאַכט אין טונקעלער זיי זענען דאָ אַוועק,
און ס'האָבן שופֿרות זיי אין האַרץ געבלאָזן.
מיט טאַנק פֿאַרוויקלט, באַגאַרטלט זיך מיט סטען,
זיי האָבן איצט דעם מדבר־זאַמד צעאַקערט.
און ס'איז געוואָרן ווי אַמאָל שוין דאָ געווען,
ווען ס'האָט אין גאַנג דער מדבר אויפֿגעפֿלאַקערט,
ס'איז פֿול געווען די לופֿט מיט יענעם קול
וואָס האָט געקוויילערט זיך אין קולות און אין ברקים,
געווען איז איצט ווי ס'איז געווען אַמאָל,
ווען ס'האָט דער מדבר זיך פֿאַר דונערשטים דערשראָקן.
פֿאָרויס געגאַנגען איז דער אויפֿגעפֿלאַמטער פֿלאַם
פֿון מענטש און פֿון כלי זין אויפֿגעפֿאָרטע,

אונטער טראָט געקרעכצט עס האָט דער צאַם
אין לויער אויפגעשטעלט פון שונא דאָרטן.
און פלוצלונג האָט זיך ווילדן וויסטעניש צעבליט
מיט יענעם ווייטן לאַנג באַקאַנטן ריח,
עס האָט דערהערט די שטימע פון אַ ייד,
ער שפּריינקט זיין בלוט אויף שטיינערנעם מזבח.
געלאָזט אַ שפּור — זיין בלוט, און האָט זיין גאַנג
נישט אָפּגעשטעלט נאָר ווייטער פאָרטגעזעצט אים,
צו יענעם אָרט פון בריאיקן פאַרלאַנג,
וווּ ס'האָט אין צאָן־געקריץ דער פיינט באַזעצט זיך.
פון צפון־מערבדיקע אָדערן פון לאַנד
עס האָט דאָס בלוט אַ שטראָם געטאָן צום דרום,
און סענדערן געלאָזט אַ שמאָלן ראַנד
ער זאָל זיין רואיקייט באַשיצן מיט זיין אָרעם.
שפּרייט די שטילקייט זיך אויף טונקעלן אָקאָפּ
אין האַנט אַ סטען פון נאָנט־געפּאַר צו שיצן,
אַ הימל אויסגעשטערנטער איבערן קאָפּ
און אין דער ווייט ראַקעטע שניידט זיך בליציק.
אַ ביימל וויגט זיין קרוין אין בלאַסן ליכט,
פון דער רואיקער דער זילבערנער לבנה,
ווער האָט דעם בוים אין שאָטן אויסגעריכט
מ'האָט כ'לעבן איצט געקאָנט באַגיין זיך אָן אים,
ער זאָל נישט אין דער טונקל וויגן מיטן צווייג,
און ברענגען פאַרן דמיון נישט געבעטענע געשטאַלטן,

און סענדער אין אָקאָפּ ווי אין אַ שטייג
זאָל זיין סטען און אויג אין לויער האַלטן.
אַ בוים ? אַ צווייג ? און אפשר גאָר אַ מענטש
וואָס קומט דיין האַרץ צעלעכערן מיט קוילן ?
אָ ביקס געטרייע, זיי דו איצט געבענטשט,
פאַר אָפּקילן דעם פלאַם פון קאַלטע גרוילן,
ס'איז פויגל פלאַטער בלויז דער שאָרך
וואָס טראָגט זיך איצט פון קוסטעדיקע דערנער,
און סענדער שטרענגט דעם אויער אָן און האָרכט,
און הערט די שטילקייט וואָס ער גאַרט דערהערן,
ביז ס'נעמט די נאַכט זיך אָפּוויקלען ביים ראַנד
און נעמט איר קלייד אַראָפּ פו ביימער צווייגן,
און סענדער האַלט זיין סטען אין האַנט
און דאַנקט אים פאַר אַ גאַנצע נאַכט, פאַר שווייגן...

◆

דאָס האַרץ פון דער נאַכט איז וואַך און איז אָפן,
און שטורעם פון דרום קלינגט אָפּ אויך אין צפון.

איבער דעם טאָל געהיטן, באַוואַכטן,
צעשיינען זיך שטערן אין פינצטערער נאַכטקייט.

צעצאַפּלט דאָס האַרץ זיך פון בשורות געברענגטע,
פון בלוט און פון לעבן אויף אייביק געשענקטן,

פאַר דעם אַז די שווערד זאָל נישט ווערן צעבראָכן,
און גאַנץ ווי אַ ברויט עס זאָל זיין דער נצחון.

צעשיינען די בשורות ווי זונען אין וווּנדער,
און לויכטן מיט ליכט פון אַן אַלטן יאָרהונדערט,

ווען גבורה געוועזן אונדזער טעגלעכער ביסן,
און דלאָניע געשאַפן האָט געטלעכע ניסים.

צעוויקלט די נאַכט אַ טונקעלע לענטע,
און שרייבט מיטן פלאַם פון אַ לעבן פאַרברענטן,

פון מוטיקייט יונגער ביז גבורה דערגאַנגען,
און אויפגעשיינט ביז צו די שטערן דערלאַנגען...

♦

אויף בערגל אויפן שטייניקן באַוואַקסענעם מיט דאָרן,
אין קרייז אין רונדיקן מיט ביקס און גוף פאַרשפּאַרט,
איז סענדער מיט חברים זיינע ווי איין גוף געוואָרן,

געשפאַנט מען הערט די ווונדער רייד פון דעם רס״ר.
אין שקיעה פון פאַרנאַכט ער איז דאָ אָנגעפלויגן,
און האָט אַהער זיך אָנגעשטעלט מיט זיינע הויכע פיס,
אַ פונק פון סיני ברענט אין זיינע אויגן,
און צווישן ציין עס צאַפלט זיך אַ הייסער גרוס.
געקומען איז ער אָפנעמען אַ גרוס נאָר,
וואָס פילן דאָ די טאַטעס ווייט פון היים,
ווי דאָס איז כלומרשט אַלץ וואָס אים האָט זיך געגלוסט נאָר,
און נאָר צו דעם אַליין ער קומט דאָ איצט צוגיין.
נאָר קאַרג זענען די רייד פון שלעכטע שיך און אָנטאָן,
און שנעל עס לאָזט זיך אויס געשפרעך פון שווערער נאַכט,
עס צאַפלט הייס דער נייגער וואָס קומט דיר איצט אַ מאָן טאָן,
די בשורה און די נייס וואָס דער רס״ר האָט איצט געבראַכט.
און ווי דאָס וואָלט געווען אַ פרוווונג אַזאַ שאַרפע,
דאָס אויסשעפטשען מיט ליפן טיף־געגאַרטן וואָרט,
צעשפילט אין האַרץ זיך ציטעריק ביי סענדערן אַ האַרפע :
״דערצייל, דוד, פון דאָרטן, וואָס זשע הערט זיך דאָרט״.

אין שקיעה פלאַם צינדט אָן ביי דודן די אויגן,
און שטרענגקייט פון רס"ר טרעט אַפּ פאַר וויזיאָנער,
און ס'הויבן זיך די קעפּ פון זייערער פאַרבויגונג,
און ס'ווערט דאָס האַרץ צעפּלאַטערטע פאַרוואַנדלט
אין געהער:
...ווי אָדלער פון די נעסטן זיי האָבן זיך פאַרהויבן,
מיט פליגל־רויש און מאָטאָר־זשום אַדורכגעזיפּט די לופט,
אַ הימל שטרענגער איבער קעפּ זיי הויבן,
און אונטער זיי דער מדבר־טאָל וואָס לאָקט, וואָס שרעקט
און רופט.
אין שורה אויסגעסדרטע, מיט פּאַל־שירעם אויף פּלייצע,
עס שלינגט דער פויגל שטאָלערנער אין אינגעווייד זיי איין,
נאָר איינער בלייבט אַ ווייל, מיט נאָזלעכער צערייצטע,
ער וואַקלט זיך אַ ווייל, און וויל נאָכנישט אַריין.
פּלוצלונג ווייכט ער אָפּ און לאָזט זיך גיין צום מיידל,
וואָס שטייט אין קליידער זעלנערשע און שרייבט עפּעס
אין בוך,
זיין שפּרייז ווערט אַ צעשטרייטער כאָטש ער וויל עס
מאַכן איידל,

און ס'טראָגט פון אים אַן אומרו געמישט מיט פעלד־געדוך.
נו גיב אַ קוש, יעל, אַ נישט איך גיי נישט ווייטער,
און טאַמער עפּעס... ווייסט דאָך, קויף דאָרט אַ פּאָר בלומען,
נאָר טו קיין טובה נישט, — לאַכט ער מיט פאַרשייטקייט,
כ'וועל אָפּגעבן ביים קומען, אויב איך וועל נאָר קומען...
זי קושט אים האַסטיק און ער ווערט פאַרשוווּנדן,
און פליט מיט וווּנדערפליגל אין די הימלען,
אַ טרער אין מיידלס אויג עס פינקלט אָנגעצונדן,
דאָס קלייד אין פלאַטער־ווינט עס הערט נישט אויף
צו ווימלען...

אַ קוש גענומענער אין האַרבן בחפזון,
זיך איינגעוועבט אין רוים אין הייסן שטאָל,
אַ פלאַטערדיקן האַרץ אויף דער ערד געלאָזן,
און אַ געשריי פאַרשטיקטן אויפן מויל.
אַ שעה ? צוויי ? אַן אייביקייט פון לעבן ?
ווער האָט בכלל אַ מאָס פאַר צייט פאַרטראַכט ?
אָט עפנט זיך דער פאַלשירם אין שוועבונג,
און מדבר פאַנגט דעם מענטש מיט שטויגענדיקער פראַכט.

♦

תא חזי, קום און זע ווי ס'ווערט ווונדער געבאָרן,
דער מדבר שיינט אויף מיטן בונד בין הבתרים.

ער האָט זיי דערקענט און געוווּסט זייער נאָמען,
די אייניקלעך יונגע פון זיידן אברהמען.

ער שפּרייט זיי אַ טאָל צווישן בערג ווי די קרוינען,
און היימיש פאַרבעט זיי דאָ לעבן און וווינען.

דער הימל איז שטיל און די ערד איז אַ שטילע,
צווישן עס פלאַטערט אַ רויִקע תּפילה.

די שקיעה באַלייכט די טאָליקע קילקייט,
און ס'ווערן די יונגען געפאַנגען פון שטילקייט.

ווי הירשן פאַרבליפט אין פאַרדעכטיקן לויער,
פאַרצויבערט זיי שטייען אין בערג־אומגעהויער.

דאָס אויג און דאָס האַרץ אין העפטיקער שטרייטונג,
די שיינקייט איז נאָנט און סכנה נישט ווייט איז.

צי איז עס פאַרבלענדונג ? אַ טעות מסתמא,
ווו איז ער, דער שופר־געשאַל פון מלחמה ?

די זון זי פֿאַרגייט הינטער באַרגיקן נידער,
און דו, אין דער פּראַכט כאָטש צעזינג זיך מיט לידער.

און ס׳גאַפֿן די הירשן אין כשוף אין בלויען,
ביז עפּעס אין לופֿט האָט געטאָן זיך אַ ראַיע.

אַ זשום איז פֿאַרביי פֿון פֿליגל באַקאַנטע,
און האָט זיי באַפֿרייט פֿון דער כשוף־געשפּאַנטקייט.

און באַלד איז אַראָפּ פֿונעם הימל אַ רעגן,
פֿון עסן, געוווער און זעלנער־געלעגער.

געקומען די וואָר און פֿאַרטריבן דעם חלום,
דער שלום נישטאָ, איר דאַרפֿט ברענגען דעם שלום.

◆

די זון, ס'איז נישט איר שולד וואָס זי האָט שוין געגידערט,
זי איז נאָר בלויז איר שליחות איר אייביקע ממלא,
געלאָזט האָט זי די מענטשן צווישן בערג צעפּיבערט,
און זי איז זיך אַוועק אַ רואיקע, נייטראַלע.
האָט שאָטן זיך פאַרוועבט מיט באַרג און טאָל צוזאַמען,
און אויסגעשפּינט פון נאַכט אַ דראָענדיקע לאַנדשאַפט,
אין שוואַרצע נישט געזעענע און נישט געאַנטע פלאַמען
זי האָט פאַרגליווערט אין פאַרטייעטקייט די מאַנשאַפט.
געוווּסט האָט מען, דאָס אָרט ווו מ'איז געקומען,
עס איז נאָר אויף אַ ווייל, אַן אָרט נאָר פאַרן אויסגאַנג,
אַז באַלד וועט זיך דער טייוול אויף דעם אָרט צעברומען,
און אָנהייבן דער פייער עס וועט דאָ זיין אַרויסגאַנג.
נאָר איצט איז שטיל, די שעהען זענען לאַנגע,
און דראָאונג פון דער שטילקייט רייסט נישט קיינער איבער,
צי האָט זיי דאָ דער מדבר אין זיין כשוף־שפּיל געפאַנגען,
און פון די בערג עס וועט צו זיי דעם שונאס פייל אַריבער ?
אַווו איז ער, דער שונא, אין וועלכער זייט פאַרבאָרגן,

פּנוואַנען גרייט ער צו אין טויטשפּרונג די סכנה,
ער האָט זיין קול מיט פֿאַרזיכט און רעכנשאַפֿט דערוואַרגט,
און אין דעם באַרג־געשפּאַלט פֿאַרבאָרגן דאָרט זיין בנים.
אַ שטילער ציטער אין דער מאַנשאַפֿט איז אַריבער,
געווען איז קלאָר, ס'איז איבעריק דאָס וואָרט,
מען מוז דעם מדבר אָנצינדן אין פֿיבער,
אויפֿדעקן דעם שונא אין זיין אָרט.
און ווי אין אָדלער־נעסט מען טראָגט נישט קיין באַפֿעלן,
נאָר יעדער ווייסט זיך אויפֿהויבן צום פֿלי,
עס שטייט שוין גרייט אַ יונג מיט קוטשערן מיט העלע,
און ס'פֿיבערט שוין זיין אויג מיט גבורהדיקן גלי.
אָט זעט מען שוין זיין גוף אין קליינעם דזשיפּ פֿאַרשפּאַרן,
צוזאַמען איינגעקנוילט אין גורלדיקער שעה,
מיט פֿולן ליכט צעצונדענע פֿאָנאַרן,
צעשרייען זיך אין מדבר: איך בין דאָ!
מיט ליכט און רויש ער שניידט די נאַכט אין טאָל דאָ,
פֿאַרבעט די פֿייל פֿון שונא צו זיין האַרץ,
אַבי געשען זאָל וואָס ער האָט געוואָלט דאָ,
אַרויסנאַרן דעם פֿיינט פֿון לויער שוואַרץ.
און באַלד דערשיינט דער סוד שוין אַן אַנטפּלעקטער,
אַ פֿייער־האָגל בליצט אויף דער מאַשין,
עס איז שוין די סכנה געבליבן אויפֿגעדעקטע,
און ס'קוילט דער אויטאָ זיך אין פֿלאַמען פֿון בענזין.

אין גוף עס ברענען בריענדיקע פליגן,
ער טובלט זיך אין פייערדיקן טוש,
צי וועט ער קאָנען אומקערן וואָס ער האָט דאָרט געקריגן,
זיין מיידל אָפּגעבן דעם צוגעזאָגטן קוש ?
פון דזשיפּ געבליבן פלאַמענדיקע לעכער,
מיט טויט אין גוף ער פליט צו מאַנשאַפט אָן,
ער איז געפלויגן הויך, אויב נאָך נישט העכער,
און איז דערפלויגן ביז צום פאַנטעאָן...

◆

בלייב שטיין אויף אַ ווייל צום אָרט צוגעשמידט,
דו וועסט באַלד דערהערן אין מדבר אַ ליד.

ס'איז פרי צום באַנעמען דעם קלאַנג, נאָך צו פרי,
זיין וואונדערגעזאַנג און מעלאָדי.

פאַרגעסן דאָס ליד איז פון לאַנג שוין, פון לאַנג,
אין פיין האָט געשטיקט זיך דורך דורות דער קלאַנג.

אַ ציטער געטאָן האָט ער דאָ און האָט דאָרט,
נאָר שטענדיק פאַרשטיקט איז געבליבן דאָס וואָרט.

פון משה, יהושע עס שטאַמט אָט דאָס ליד,
מיט אים האָט מען מחנות צו אַרבן געפירט.

דערנאָך איז דאָס ליד אין די געטאָס אַוועק,
און קעגנגעשטעלט זיך די מעסערס, די העק.

ביז ס׳האָט דערגרייכט אונדזער גליאיקן דור,
און האָט ביי דער יוגנט צעשיינט אין די האָר.

בלייב שטיין אויף אַ ווייל אויפן אָרט צוגעשמידט,
דו וועסט באַלד דערהערן אין מדבר אַ ליד.

◆

אין באַרג־געפלעכט אין מדברדיקן זאַמד,
ווו דער שאַקאַל מיט וויסטעניש און הונגער וואָיעט,
האָט זיך פאַרברעכן אויסגעקליבן דאָ אַ לאַנד,
און געגנט האָט מיט שלאַנגען־נעסט געראָיעט.
פון לויער, פול מיט גיפטיקייט אין ציין,
זיי האָבן זיך אין לעבן איינגעביסן,
עס האָט זיי נישט גערירט קיין קינדס געוויין,

פון מאַמעס ברוסט אין טויט אַוועקגעריסן.
געזייט זיי האָבן טויט און גלייך נאָך אים
זיי האָבן שרעק און אומגליקן געלאָזן
אין בלוט פאַרטרונקען מעלה־עקרבים,
און אָפּגעצויגן ווי פּחדנותדיקע האָזן.
די קינדער אויפגעצויגענע אין דעם קבוץ,
געוואָרן היימיש איז די פינצטערקייט פון בונקער,
זיי האָבן זיך דערוווּסט פּריצייטיק פון זיין נוץ,
ווען ער האָט זיי בייטאָג מיט נאַכט פאַרטרונקען.
דער פויער האָט זיך פון זיין מי אין פעלד
מיט ליד צו זיך אַ היים נישט אומגעקערט זיך,
און ווען מען האָט דערוווּסט זיך אַז ער פעלט,
האָט מען געהערט: ער איז געפאַלן און געווערט זיך.
מיט צאָרן האָבן טאַטעס אַרויפגעבליקט צו זין,
אין האַרץ ביי זיי געמאָנט אַן ענטפער, אַ באַשיידונג,
פאַר ווילדן קינדער־מאָרד פון פעדאַיִן,
און קעגן דעם אַרויספירן זיי ביידן.
ביז ס'האָט דער מוז אַ ברום געטאָן אויף שפּראַך

וואָס קאָן פֿאַרטויבן יעדן טויבסטן אויער,
און ראָד־געקריץ און פֿליגל־פּלי האָט אָנגעבראַכט
די זין, צום אויפֿבליצן דעם שוואַרצן לויער.
די זון האָט נישט געשרפֿהט זייער גוף,
דער דאָרשט האָט נישט געפּייניקט זייער גומען,
פֿון היים האָבן פֿאַרנומען זיי דעם רוף,
און צוליב איר זיי זענען דאָ געקומען.
און פֿייער האָט מיט ערד זיך אויסגעמישט,
אין דער אַנטפּלעקונג פֿון דער ווונדערקראַפֿט געהיימער,
אין גאַנג עס ווערט די שלאַנגען־נעסט פֿאַרווישט,
אבו־עגיליה און רפיח און קוסיימע,
זיי שפּאַרן זיך צום סועצדיקן ברעג,
און הויבן אויף צום הימל דראָאונג בעטאָנירטע,
באַפֿרייט עס שלענגלט זיך פֿאַר זיי דער וועג,
פֿאַרזייט מיט שונא אין געפֿאַנגענשאַפֿט געפֿירטן.
אַ פֿענצטער אין די ווייטקייטן עס עפֿנט אויף אילת,
און קינדער לאַכן ביי דעם בונקער אין ניצנה,
זיי האָבן זייער פֿרייד ביי זיך אין האַנט געהאַט,
און נישט געאַנט גאָר אַז זי איז פֿאַראַנען.
אויף געגנט האָט געקוילערט זיך דער טיפֿער ברום
פֿון שמשונס גאַנג אויף עזה אין פֿאַרצייטן,
אין טאַנק־געקריץ ער זאָגט איצט אָן: איך קום,
אין עזה ווידער אין אַ הייסער שטרייטונג.

♦

צעוועקסל דיין לעבן אויף קליינגעלט, אויף מינץ,
ס'איז פּאָרט דיר באַשערט ווען צו ווערן אַ פּרינץ.

דיין ליינענע העמד קיל ווערט און קלאָר,
מיט בשמים עס טריפן געוואַשענע האָר.

צעשפּילט אויף דיין מויל זיך די געטלעכע לויב,
און ס'ברומט אין דיין האַרצן אַ שניי ווייסע טויב.

פאַרלאַנגזאַם דיין טראָט מיט שטאָלץ פּיל אים אָן,
באַגעגן בת־מלכה וואָס קומט צו דיר אָן.

זי קומט פון די בערג ווו ס'איז לויער פאַרשטעקט,
איר קאָפּ איז מיט שקיעה פון זון צוגעדעקט.

און דו, כאָטש פאַרגאַרטלט מיט קוילן און סטען,
דו האָסט דורכן שטויב פון אָקאָפּ זי דערזען.

טו אָן אויף דיין האַלדז איר זיידענעם יאָך,
זי קרוינט דיר מיט שבת פאַר וואָכקייט פון וואָך...

מעת־לעתן אָנגעלאָדענע מיט ביקסן שטאָל און בענקשאַפט,
מיט גרוב־געגראָב מיט האַסטיקן פּאַר פּייער־האָגל דאַמבעס
מיט גרענעץ־פּאַס פּאַרצויגענעם אין טאָליק־טיפער ענגשאַפט,
אין נאַכט־באַהעפט מיט קילן באַרג אויף אַמבוש.
פּאַמעלעך שווער זיי וויקלען זיך ווי אויף אַ ראָד מיט זשאַווער,
און קייטלען אויס אַ וואָך מיט לענגקייט פון אין־סופן,
דער אומעטיקער פייגל־פלי אין נאַכט ווערט דיר אַ חבר,
און הונגעריק דיין וואָך־זיין רויבט ביי דיר דיין שלאָפן.
דערקייטלען זיך די טעג צו איינער אַזאַ רגע,
אין וועלכער שקיעה לאַנגזאַמט זיך און ווערט אַביסל רויטער,
אַ זילבער־טוי ווערט אויף די שיך די שטויביקע באַלעגן,
און ס'ווערט דאָס האַרץ מיט זיסן צער צעשיינט און
אויפגעלויטערט,
פאַרגאָלדיקט סענדערן אַ ברעם אַ שטראַל אין ערב אויסגיין,
און ער דערזעט אין צערטלעכקייט פּרינצעסין זיינע קומען,
ער וויל אין הייסער בענקשאַפט אַנטקעגן איר אַרויסגיין,
נאָר אין זיין האַרץ עס ברומט עפּעס און הערט נישט אויף צו ברומען
פאַרגייט ער שווער, מיט שבת־טריט, צום צריף מיט
רו באַלויכטן,
און וועבט זיין קול אין זמר איין וואָס ער האָט שוין פאַרגעסן,
ער פלאַמט זיך איין אין שבת־שיר און שטייט שוין
אויפגעלויכטן,
און איז מיט האַרץ מיט אָפענער מקבל די פּרינצעסין.
ביים עמוד שטייט אַ יונגער מענטש מיט פייער־באָרד צעצונדן,
די שבת־העמד צעפינקלטע, אויף לענדן אַ נאַגאַן,
ער האָט זיין קול פון פּערל־שנור צו פרייהייט אויפגעבונדן,

צו דרשה פונעם רב מען הערט זיך צו געשפּאַנט.
ער וויקלט רו מיט אומרו אין רייד אין נישט דערזאָגענע
און ס׳ציטערט אויף ביי אים די שווערע ברעם,
די שבת־רו געגאַרטע, אין קדושה אָנגעטראָגענע,
וואָרנט אונדז און לערנט אונז וחי בהם...
מיש אויס ביים סאַמע נויטיקן די וואָכקייט מיט דער הייליקייט,
די משא טראָג, פֿאַרגרעסער אויף דעם שפּאַן,
פֿאַרטרייב אין לויער־נאַכט די וויזיע פֿון דער גרוילקייט,
מיט הייסן פֿינגער קלאַמער אויף שטאָל פֿון דעם נאַגאַן.
ביים עמוד שיינט דער שבת — אַ קעניגן צעליכטיקטע
און פֿיבערט אויף ביים קלאַנג פֿון איר צויבערדיקן נאָמען,
די נויטיקייט און וויטיקייט פֿון שטרענגער שעה באַריכטיקט זי,
און דורך די שבת־ליכט זי פֿלעמלט גליאיק: אָמן,
אין דרויסן וואַרט די נאַכט אַ שטרענגע, אַ פּאַרטייעטע,
מיט אומעט אויסגעהאָפֿטענעם אין קלייד,
דער גרוב, פֿון הייסן טאָג אין זון־גלי אַ צעפֿייערטע,
האָט פֿאַר דיר זיין אינגעווייד צעשפּרייט,
שטייט סענדער אין אָקאָפּ אין נאַכט־מאַנטל פֿאַרוויקלטער,
ביז שוואַרצקייט ווערט פֿאַרווישט פֿון בוימערדיקן גרין,
עס שיינט אים אויף דער נס אין פֿייגל־פֿלי צעצוויטשערטן,
ער האָט זיך אויסגעטרוימט דעם זילבערנעם באַגין...

1 9 6 7

און געווען זענען זעקס טעג...

גאָט פון די הערשאַפטן, רייטער אויף בליץ און אויף דונער,
פייער אין פייער, באַצווינגער פון ים און פון תהום,
אין אורוואַלד פון אור־וועלט געלאָזט האָסט דיין קול
זיך צעברומען,
און אויפגעבלויט האָסטו איבער פינצטערן תהום אין דיין רוים.
פייער דיין אָרעם, דער רעכטער, ליכט־שטראַל דיין לינקער,
וואָלקן פון תוהו־געפלעכט אויפן קאָפּ דיר אַ קרוין,
דיין ווילן שניידט דורך די פלאַסטן פון דורות מיט פלינקייט,
און בלייבט דאָרט פאַרהאַמערט אין אייביקן דויער פון שטיין.
דו, דער באַשעפער פון אייביקן לייטער אין קלעטער,
און גליט אויף די בריאה אין וווּנדער פון אייביקן גאַף,

באַרג מיט אַ באַרג נעמט אַרום זיך און קראַכט אין צעשמעטער,
און ווערן צעליכטיקט אין שיין פון נייעס באַשאַף.
דו, דער באַצווינגער פון ווילדן כאַאָס אין פאַרדאַרבונג,
און אַלץ וואָס גייט אויף עס ווערט דורך דיין אָטעם געבענטשט,
דער טרויער אין דויער פאַר אַלץ וואָס גייט שטאַרבן,
די פרייד פון געבאָרן דיין ליכט־שטראַל דעם ריינסטן —
דעם מענטש,

דעם קוואַל פון דיין האַרץ פאַר אים האָסט צעעפנט,
טרינקען פון אים זאָל דער מענטש, פון דיין ליכט און דיין מוט,
און ער זאָל זיך טובלען אין דיר, אין דיין חסד באַרעכנט,
נישט ווערן פאַרצערט אין דעם גלי פון דיין גלות. — — —
רייטער אויף וואָלקנס, פייער פון אָנהייב פון דורות,
שענק מיר אַ פונק פון דיין גלי און צינד־אָן מיין געמיט,
דאָס האַרץ פון דיין זינגער באַפריי פון די מענטשלעכע מוראס,
ביים אויפזינגען און ביים באַזינגען פון גרויזאַמער גבורה אַ ליד.
עפן מיין האַרץ ווי אַ לאָגל, פיל אָן עס מיט קראַפט אומגעהויער,
צעליכטיק מיינע שוואַרצאַפּלען די גבורה די גרויסע דערזען,
רייס אויף פאַרן דונער־געקראַך דעם פויק פון מיין אויער,
צום זען און דערהערן וואָס דאָ איז געווען און געשען.

אַרום פּיראַמידן
געטורעמט אין שפּיזן
שרעק פון באַרג עיבל,
דראָ פון באַרג גריזים.

בלאַנקען די בערג
מיט שטאָלערנע ציינער;
אַלע ביז איינעם,
אַלע ביז איינעם...

דער ירדן פליסט גיפט
פון פעסער געפּלאַצטע,
ס'פרייט זיך און גרייט זיך
שוואַרצע דינאַסטיע.

אויפן קאַרק פון באַרג מואב
גיפטיקט בלעם מיט בעלמע,
מיט געפּאַנצערטן טויט
און גיפט אונטער העלמען.

איף וואַסערן לויערן
שטאָלערנע פּישן,
פאַרשלינגען אין תהום
פון לעבן פאַרווישן.

און שטאָלערנע שפּאַרבערס
אין שדים־געווימל,
גרייטע צום שפּרונג,
צו פאַרלעשן דעם הימל.

און אַלע ווי איינער,
און איינער ווי אַלע;
נישט בלייבן וועט איינער,
אין טאָג פון דעם פאַלן...

אין יענעם טאָג האָט ע ר זיך אויפגעשטעלט
און זיך באַפרייט פון אַלע ווייטיקלעכע יאָכן,
און האָט זיך אָנגעהאַלטן ביי די זיילן פון דער וועלט,
וואָס האָט זיין שטאָלץ אויף דורותלאַנג צעבראָכן.
און אַ פייער איז אַ דורך — זיין בליק,
איבער דער ערד, דעם קעסל־זיד דעם רונדן,
און האָט זיך אָנגעטרונקען פונעם פיין־בעכער פון קריג,
און האָט באַשוואָרן זיינע ווייטיקלעכע וווּנדן;
אין אייער גרויזאַמקייט שטעלט זיך פאַר דעם האַר,
אין אייער ווונדיקייט און פיין געקאָוועט,
טוט דעם וואָלקן־צאָם מיט כוח אַ צעשפּאַר,
און שטורעמט אויף דעם דויער אויף זיין כסא הכבוד.

און אַזוי זאָלט איר איצט זאָגן, אים אַליין,
עס ראַנגלט זיך דאָס ליכט, אויף משקולת גייט נשמה,
שטעל אָפּ דאָס טריפּן אינעם בעכער דורותדיק געוויין,
און בינד מיך אויף פון שטיין ביי די טויערן פון רומי,
ווייל אָט גייט אויף דער פלאַם וואָס האָט פאַרברענט די צווייג,
און לאָזט זיך איצט פאַרצערן אויף די שטאַמען,
שדים־וואַקכאַנאַליע אַ לאָז טאָן זיך פון שטייג,
וועל איך, און דו, שטאַם, נידערן אין תהום צוזאַמען...
באַפריי מיך פון די קייטן און לאָז מיך גיין צום אָרט,
וווּ יונגע הערצער וואַרטן אויף מיין בענטשן,
און איך וועל ברענגען זיי דיין צוגעזאָגטן וואָרט,
וואָס איך האָב נישט דערבראַכט ביים אויוון פון אָשוויענטשים...
פלאַטער אויף דעם הימל זיי מיט האָפנונג און בלוי,
און זאָלן זיי אַ שפּאַר טאָן מיט גבורה־שאַל מיט נייעם,
אַ טראָג טאָן זאָל דאָס ליד זיך, מגוי אל גוי,
דאָס וווּנדערליד און שטורעם־ליד פון יציאת מצרים...

און אַזוי איז געווען אין דער נאַכט פון די נעכט,
ווען אַכצן יאָר לעבן איז געגאַנגען זיך זעגענען,
און נאָכדעם מיט שטן אַוועק אין געפעכט,
דעם שונא פאַרטאָג, פיר־ווינטיק באַגעגענען.

די מאַמע פאַרשטיינערט באַגלייט האָט דעם זון,
און ער האָט געענטפערט מיט בלייערנעם שווייגן,
געשוויגן האָט אויך אין הימל די זון,
געשוויגן האָט אויך דער ווינט אין די צווייגן.

גערעדט האָט נאָר דעמלט דער כסא אַליין,
און האָט זיך געחזרט די שבועה פון אַרבן,
געמויערט מיט האַנט אין גראַניטענעם שטיין;
וועמען צו לעבן און וועמען צו שטאַרבן.

און מאַמעס געבענטשטע מיט טויבן געהער,
נישט געהערט האָבן רייד אַרויס פון דער גבורה,
אַז ער, אָט דער ליבטיקער זון, דווקא ער,
אַריין וועט אין תהום פון דער פינצטערער שורה.

און ס׳האָן די הערצער פֿאַרשטיינט זיך אין שטיין,
און ס׳האָבן די הערצער פֿאַרשטיינט זייער קלאַפּן,
זיין קוואַל האָט פֿאַרשלאָסן אַפֿילו געוויין,
און רו האָט געגליווערט אין מאַמעס שוואַרצאַפּל.

און איידער די נאַכט האָט דערטרונקען איר כוס,
און איידער אין מזרח איז ליכטיק געוואָרן,
אַ שניט האָט געגעבן מיט פֿייער דער אות,
אַ שניט מיטן צייכן פֿון בונד בין הבתרים...

1 9 7 3

אַ סאלאוויי אין ברענענדיקן וואַלד

(פראַגמענטן פון אַ פּאָעמע וועגן רוסישן יידנטום)

עס האָט מיך אַ ווינט אין די ווייטן פאַרטראָגן,
אין הייל פון די דורות, וווּ ס'איז מוראדיק שטיל,
און האָט מיך געשטעלט מיטן פּנים צום עבר,
ביים ברעג פון פאַרגליווערטן זילבער — איטיל *
און גאָט האָט געזאָגט מיר: דער ים פון כאַזארן,
הייבט אָן דאָ זיין אָנהייב, רואיק און קלאָר,
און דו, ווי בן־בוזי, אין בענקען און גאַרן,
בלייב שטיין ביי דעם ברעג ווי ער ביים טייך כבר.

---

* הייניקע וואָלגע

דיין בליק וועט פֿאַרבייגיין דער רוס, פעטשענעגן **,
וואָס האָבן געפּאָרכט פֿאַרן כאקאן־בולאן ***,
און דאָ האָט דער מלך יוסף זיי באַגעגנט,
זיין קרוין האָט געניִדערט אין אסטראכאן.
דערנאָך וועט אַ גלי־טאָן די געגנט, די וויסטע,
מיט פייערשריפט בלויען פון גאָט פון אברהם:
אָמר החבר... דער גאָט פון אַריסטאָ,
איז נאָר די בלום וואָס בליט אַרום מאָן.
האָב איך די אויגן צעעפנט ווי קוואַלן,
און האָב מיינע ליפּן צעפיבערט אין פיבער,
ביז כ'האָב דערהערט די שופרות אין שאַלן,
און טרויער איז איבער גלאָריע אַריבער.
בין איך געפאַלן צופוסן דעם מלך,
געקושט דאָס בלוט פון זיין זילבער־עטרה,
און דעמאָלט האָט רוף צו מיר, פאָרכטיק און גרוילעך,
באַפרייט מיינע אויגן ווי פענצטער פון שטאָרן.
...האָב איך פאַרהויבן מיינע הענט צו דעם הימל:
איך, דער בן־אדם, וואָס איז מיין חיוב?
נאָר אַ פייער האָט מיינע ליפּן פאַרזיגלט,
מיט זיי כ'בין אַוועק קיין אָדעס און קיין קיעוו...

** ווילדע, געצנדינערישע שבטים
*** ערשטער יידישער כוזרים־מלך

...אַ לויב צו דעם ווינט וואָס האָט מיך פֿאַרטראָגן
און האָט מיך געבראַכט צום קוואַל פֿון געדענקשאַפֿט,
אין דונער־געקנאַל אויפֿן באַרג פֿון אַררט,
אין דניעפּר־געפּלוס און אין רויש פֿון דער וואָלגע,
האָב איך דאָס קול פֿון די ייִדעס פֿאַרנומען,
דעם אָמן בון וועלדער וואָס האָט זיי באַוויליקט.
און דער וואָס געדענקט האָט די טײַכן פֿון בבל,
האָט געלאָזט זיך אויף וועגן פֿון פּילן און ווײַסן,
אַז פֿון קרעטשמעס פֿון ספּירט און דעמבעס געברענטע,
דאַרף אויפֿגיין אַ סורא און פּומפּדיתא.
דער קוואַל פֿון בטחון האָט פֿײַער געלאָשן,
וואָס גאָנטע האָט אין פּאָגראָמען געצונדן,
און שמן המשחה האָט גורל געשטויסן,
צו היילן די ווונד פֿון וואַלד־גזלן כמיעל.
אין צער'ן בײַ צאַרן, אין שטייג תחום המושב,
האָט זיך דאָס ייִדישע ליכט נישט פֿאַרלאָשן,
און ייִדישער לשון, ווי תבֿואה געדראָשן,
אויפֿגעשמעקט האָט מיט גאָלדערנעם ברויט.
דערנאָך האָט דער ווינט מיך אין אומרײַן פֿאַרטראָגן,
ווו בלעם געבענטשט האָט מיט פֿינצטערער קללה
צו זײַן אַלע גלײַך אין בעט פֿון דער זינד.

קרום־אויגיק האָט דער בעל־פּעור געפרעסן
דאָס יידישע האַרץ. און געבראַכט עס אַ קרבן,
פּאַר אייגענעם גיר און פּאַר אייגענער שאַנד.
געברענט האָבן זיילן פון בריאת העולם,
און זענען געפאַלן דעם פלאַם צו די פיס,
ביז בריאת האומה דעם נס האָט באַוויזן,
און האָט זיי דעם גאַרטל אויף לענדן פאַרוואָרפן,
אויף טאַצן פון פייער געשענקט זיי זעקס טעג.
און געטלעכער פייער האָט אָנגעהויבן זידן,
ביים שבט פּליאה — די רוסישע יידן.

◆

הואו ! הואו ! — האָט עס אַ רויש געטאָן
אין ברענענדיקן וואַלד,
אין אַלטן וואַלד, וואָס אונטערצינדערס
האָבן אים אַעקגעלאָזט אין שריפה.
דעמבעס טויזנט־יאָריקע און
טאָפּאָלן דורות־אַלט,
מיט קרוינען האָבן אויפגעפלאַמט
אין פייערפלאַם און רויכן.

אַנגעטראָגן האָט דער ווינט אַ מענגע
פייער־פליגל אינעם וואַלד,
אויפצוהויבן אים אין הויך
און נידערן אין אַש,
אין קראַך־און־פּאַל זאָל אַלטער וואַלד
פאַרלעשן זיין געשטאַלט,
און שלאַק־שטורעמס זאָלן דעם שפּור
פון אים פאַרוואַשן.
די זינג־פייגל זאָלן אין אים
אויסגיין אינעם רויך,
און חיה רעה בלויז זאָל אומגיין
אויף אָפּגעברענטע פליינען,
ביז אָפּשטאַרבן עס וועט דער לעצטער
פייגל־טרעל און הויך,
און בלייבן וועט קיין שפּור נישט אויף
באַקלאָגן און באַוויינען.
אויסוואָרצלען אין בראַנד בוים נאָך בוים
און שטאַם נאָך שטאַם,
אויף קיינמאָל מער נישט אויפבליען
און נישט געדייען,

און סאָלאָוויי־געזאַנג פאַרצוקן זאָל
דער פלאַם,
צוזאַמען מיטן גאָלד פון
גוף פון סאָלאָווייען.
אַזוי געוואָלט האָט אונטערציינדער און
אַזוי האָט ער געטאָן,
און ס'האָט אַ שריפה זיך אַ הויב געטאָן
מיט פייער־פלאַמיקן זאַוויי. — — —
און דעמאָלט האָט אַ פייער־פויגל זיך
איבער ראַנד אַ הויב געטאָן,
איבער דער שריפה זיך באַוויזן האָט
אַ פייער־סאָלאָוויי!
פון בוים צו בוים אין פייער־טויט
געפלויגן שאַרף,
און האָט דעם ברענענדיקן וואַלד געלאָשן
מיט אַ ליד,
פאַרן פייער־סאָלאָוויי — די שענסטע טעג:ער
פון מיין האַרץ,

פֿאַר אים — דעם שענסטן שטערן־טעפּיך אונטער
זיינע זינגענדיקע טריט.

אל רחום וחנון, באַשירעם פֿון שנאה
דיין זינג־פֿויגל שיץ מיט די פֿליגל פֿון שכינה.

עלנט און אַליין צווישן רויב־פֿייגל
פֿאַריאָגט,
אַ שטערן ליכטיקער פֿאַרטרונקענער אין ווייען,
אין שרעק געגעכטיקט און אין האַרצציטער
געטאָגט,
אין פֿראָסט־געבראַנד און וויגענדיקע שנייען.
דער גוף — אַ פֿידל, דין־אָנגעצויגן סטרוניק,
דאָס האַרץ — אַ זון מיט שטראַליקייט
באַשיינען,
און אַ סאָלאָווייען־שטים וואָס טרילערט גאָלדיק, זוניק,
און זינגט אַריבער אַלע דורכגעלעבטע
פּיינען,
איז סאָלאָוויי אין קרומפּלי דורכגעפֿלויגן
איבער פֿייער,
אָן אַן אָפּשטעל אויף אַ בוים־קרוין אַ צעגרינטן,
ווען דער דונער האָט אַריינגעקראַכט
אין שייער,

און פייגל־פאַנגער מיט די הינט געלאָקערט האָבן היִנטיש,
האָט אַ ליד אַ טראָג געטאָן זיך איבער שטעט
און געגנט,
די זון געוואָרן איז פאַרווירט און אָפּגעשטעלט איר שקיעה,
געזאַנגען מיט געזאַנגען האָבן זיך
באַגעגנט,
און אין קדושה פאַר דעם סאָלאָוויי גענומען קניען.
דער אַלטער אָפּגעבערנטער וואַלד האָט באַלד דערפילט
דעם ריח,
פון בלוט־געזאַנג און גלוט־געזאַנג פון זיינס אַ זינגער,
אויפגעבליט פון אַש אויפן בראַנדיקן
מזבח,
און איז פון אַלע טויט־און־לעבנס געוואָרן ייִנגער,
האָט ער אַ נעסט געשפּרייט פון זיינע
אָפּגעברענטע צווייגן,
זיין סאָלאָוויי באַשירעמט פון פראָסטיקן געווימל,
און סאָלאָוויי־געזאַנג האָט פון דעם אַש
גענומען שטייגן,
און אויפגעגאַנגען מיטן וואַלד צו דער לויטערקייט פון הימל.
און דעמלט האָט אַ פּראַכט אַ פלייץ געטאָן
מיט בליאונג,

און אויפגעשיינט מיט גאָלד אין בלאַנקן שניי,
און דאָרט וווּ שוואַלבן קאָנען נישט
אַראָפּברענגען קיין פרילינג,
האָט אים געבראַכט דער ווײ־געזאַנג פון סאָלאָוויי.
דער יאָמער האָט אַ זונג געטאָן אין טענער,
די פרייד האָט זיך געשידעמט אין
מאָרגנדיקן טאָג,
וואָס קען נאָך, פון אַ סאָלאָוויי, זײַן דערשראָקענער און קלענער,
נאָר ער איז דאָך דער זינגער, וואָס שיינט אויף
דעם פאַרטאָג.
די פליגל שוואַכע אָנגעשאַרפט צום דורכשניידן די רוימען,
אַז אומעטום זאָל אָנקומען
געזאַנג,
דער וואַלד פאַרברענט און חרוב זענען סאָלאָווייען־היימען,
נאָר אַלץ לעבט אויף אין שירה און אין קלאַנג.

אל רחום וחנון, באַשירעם פון שנאה
דײַן זינג־פויגל שיץ מיט די פליגל פון שכינה.

◆

דאָרט וווּ דער זון־שטראַל גליווערט אין שנייען,

געבורט און פאַרלענד ווערט געאָרעמט אין ווייען,
און שטערן אין אומקרייז אין טויט־שרעקן שטייען,
דאָרט האָבן אויגן אויפגעפלאַמט צוויי.

אַ פייער עס האָבן די אויגן געצונדן,
און האָבן אַ ליכט־קרייז אויפגעשיינט רונדן,
צו לעשן די וונדן, צום אויפרייסן וונדן,
אַ ליכט אינעם חושך צעשיינט האָבן זיי.

וועמענס די צוויי אויפגעלויכטענע אויגן,
וואָס האָבן דעם פינצטער אין זיך איינגעזויגן,
און זענען מיט אים צו די שטערן דערפלויגן,
אויפלייכטן זיי מיטן ליכט פונעם שניי ?

אַ פרוי ווי אַ טוי צעפינקלט אין טראָפּן,
קליין ווי אַ האַרץ, מיט איר טרויער צוקאָפּנס,
מיט הענט ווי אַ תפילה דעם בראָך צו פאַרשטאָפּן,
און אַ ליד ווי אַ פרילינג פון אַ סאָלאָוויי.

איר פלי האָט אין קרומפלי דער שאָטן פאַרוואַנדלט,
פאַרהיט אין די אויגן די זיסקייט פון מאַנדלען,
און האָט זי געפירט איבער תהומען און ראַנדן,
איר ליד אָפגעהיט אין דעם וויוגע־זאַווי.

און אויפגעשיינט האָבן גאָלדענע זונען,
פון ליכטיקע טענער אין וויי־קלאַנג געשפונען,
וואָס האָבן דעם וואַלד אין זיין פאַלן געפונען,
און אים דערוואַרעמט מיט טוי־הענט, מיט צווי.

זינג פאַר איר אויס דאָס ליד פון די לידער,
דאָס ליד פונעם אויפשטיי פון פינצטערן נידער,
באזוניק באַזוניקטע טויאיקע גלידער,
און שטרעק דיינע הענט ווי אַ תפילה צו זיי.

◆

...ווי בלויער פֿאַרטאָג שיקט זיין זון־שטראַל אַרויס,
און וועקט אויף צום טאָג אַ פֿאַרשלאָסענע וויע,
דערנאָך טוט אַ פֿלייץ מיט לעבן אַ הויז,
און דער באַשאף ווערט געפֿעדערט זיך מיען,
ביסטו דער שטראַל דער געשיקטער צו זיי,
דורך וואַלקן־געבראָך און אייזיקער קריע,
דערהערן עס זאָל זיין סאָלאָוויי
דער וואַלד אין זיין שווייגן — דיין שבט־פּליאה.
אויפֿרוישן זאָל ער פֿון דיין געזאַנג
און וועקן אין קרוינען פֿאַרדרימלטע פֿייגל,
צום וווּנדערגעפּלי און צום וווּנדערגעזאַנג,
צום שטאַם, וואָס איז ווייט און צום שטאַם וואָס איז אייגן.

פֿאַרבליפּטע זיי האָבן פֿאַרנומען דיין ליד,
וואָס איז ווי אַ ליכט אין דער פֿינצטער געקומען,
האָבן דעמבעס צו אייגענע שטאַמען געקניט,
און ווי פֿייגל אַוועק צו דעם לאַנד פֿון דעם זומער.
און איך, וואָס געזען כ'האָב די זון אין דיינע האָר,
דעם שטראַליקן טרויער אין דיינע אויגן,
גיי אויף פֿון מיין חלום צו טאָגיקער וואָר,
און נעם אויף די מתנה צו מיר אָנגעפֿלויגן —
מיט דיין ליד אויף די ליפּן און שטורעם אין בלוט,
מיט אָפֿענעם האַרץ פֿאַר נייע פֿאַרלאַנגען,
רוף אויס צו זיי אַלע: כּי טוב, ס'איז אונדז גוט,
און טראָג זיי מיין האַרץ זייער האַרץ צו דערלאַנגען.

1973

קניט אַ ייד אין בגדי תשל״ד

פאַרוואָר, אין פאַרטאָג פון קרישטאָלענעם וואַסער,
שטייט אַ ייד אַ פאַרשמידטער אין תשל״דיקע קליידער,
די ווערבע הושענהדיק זינגט קול־מבשר,
און שבּליטערט און ציטערט אַראָפּ אים זיין נדר,
דער טאָג אין פאַרטאָג אין קרישטאָל זיינעם פינקלט,
און צינדט די עטרה פאַר זון אין איר קומען,
באַשפּרינקלט דעם ייד מיט גילדערנעם שפּרינקל,
אַ האָניק־געזאַנג זינגט אויס אויף זיין גומען.
נאָר די קרוין אויף זיין קאָפּ ווערט אַלץ בלאַסער און בלאַסער,
פאַר־לעצטער כל נדרי מאָנט ווי אַ נדר,
פאַרוואָר, אין פאַרטאָג פון קרישטאָליקן וואַסער,
שטייט אַ ייד אַ פאַרשמידטער אין תשל״דיקע קליידער.

עס מאַנען די אויגן מיט טרויער פאַרצויגן
דעם בלאָנד פון די האָר, וואָס איז שוין נישט בלאָנד מער,
דעם פאַל פון דעם פויגל, וואָס איז נישט דערפלויגן,
דעם פלי פון דעם שרף, וואָס האָט נישט געקענט מער,
זיי שטעלן אים אָפּ ביי דעם ראַנד פון דער זריחה,
אין טונקל אים האַלטן אין צוואַנגען געפאַנגען
ברענגען אים ריחות פון פאַרלאָשענע קיכן,
ווו פלעמל דער לעצטער אין פלאַם איז פאַרגאַנגען,
נויגן זיין קאָפּ ווי אַ ווערבע צום וואַסער,
און פון זיינע אויגן קרישטאָל רינט אַ ריינער,
פאַרוואָר, אין דעם אויפגאַנג פון טאָג־ליכט פון בלאַסן,
שטייט אַ ייד אַ פאַרשמידטער אין תשל״דיקע קליידער.

ער קען נישט באַוויינען געשטאָרבענע ליבשאַפט,
ווער קען אַ געשטאָרבענע ליבע באַוויינען ?
זיין קאָפּ איז פאַררעמט אין אַ רעם פון אַ טריבשאַפט,
זיין לייב איז פאַרביסן אין אייגענע ציינער,
ער וויינט אויפן נדר אין פייער געצאָלטן,
וואָס ער וועט שוין קיינמאָל נישט קענען באַצאָלן,
די זון איבער קאָפּ הענגט אין צווייען געשפּאָלטן,
פאַרלוירן דעם פענדזל דעם זונאויפגאַנג מאָלן,
די בלומען באַוויינט ער, פאַרהאַסט ער די האַסער,
וויל אָפּגיין אין בראַנד פון זיין תצותיקן חדר — —
נאָר פארוואָר, אין פאַרטאָג פון קרישטאָלענעם וואַסער,
בלייבט ער שטיין אַ פאַרשמידטער אין תשל"דיקע קליידער.

אויף דזשאבעל ליבני שטייט אַ הירש
אין פאַרשטיינטקייט

צופוסנס דעם הירש אין זיין גרויער פאַרשטיינטקייט
אין זיינע ברוינע אויגן
די פייכטע בענקשאַפט צו דערבליקן ווייטע טויערן,
עלנטע, פאַרכשופט אין אַליינקייט.
דער מדבר קלאַמערט ווידער אין זיינע זאַמד־אָרעמס אַריין
דעם געשריי, וואָס איז דאָ אויפגעגאַנגען.
און ווידער פאַטאַ־מאָרגאַנעדיק
פיאָלעטירט אַ שיין,
און נאָגט אין האַרץ געשטאָרבענע פאַרלאַנגען.
שטייט דער הירש אין בענקשאַפט צוגעשמידט
די זון ליישט מיט גאָלד זיינע ברוינע טרערן,

אויף דזשעבל ליבני טרויערט צו דעם הימל־ראַנד אַ הירש,
ביי זיינע פיס נידערט זיין קאָפּ אַ ייד,
אים רינט דער טרויער־שיין אַראָפּ פון שטערן.

אַלץ איז שטיל דאָ.
דער מדבר רוט אין גליווער־גאָלד.
נאָר די טרערן פונעם הירש די שטילקייט טייעט.
און איך, איך לייג די הענט איבערן קאָפּ,
און פון דעם דזשאַבעל צו דעם מדבר כ׳קוק אַראָפּ
אין פאַרכט, די דיונעס זאָלן זיך נישט צעשרייען.
דאָרט רוט די רו,
אין שטיל פון נאַכן פייער־בראַנד.
איבער איר,
דער דזשאַבעל געשלאָסן האָט זיין טויער.
מיין האַנט — אַ פייער־שריפט איבער מדבר־ראַנד,
כשופט איין די דיונע נישט צום אויפרייסן דעם טרויער.
אויף דזשאַבעל ליבני שטייט אַ הירש אין זיין פאַרשטיינטקייט,
מיט ברוינע טרערן אין די אויגן
דעם סוד פון שטילקייט היט.
ביי זיינע פיס,
מיטן קאָפּ צום טרויער אָנגעבויגן,
זיצט אין שקיעה־גאָלד און טרויער־שיין אַ ייד.

צו דער מאַמען

דער מאַמען דערציייל איך דעם גילדערנעם חלום:
געזען כ'האָב דעם באַרג פון לויטער קרישטאָלן,
אויף אים ווערן שטראַלן אין קוואַלן צערונען,
און זינגען אַ שירה פאַר בלומען וואָס קומען.
און ווען בלום גייט אַריבער די שוועל פון דער נאַכט,
ווערט עס אויף שירה צום חלום געבראַכט,
און ווערט דאָרט פאַרקוואַליקט אין אייביקן בליען,
צעלויכטן פון אַלע ערדישע מיען,
די נאַכט איז נישטאָ מער, נאָר ס'גאָלדיקט די זון
צום אייביקן טאָג אַוועק איז דיין זון.

דאָרט היילן די קוואַלן די קויל־וווּנד אין האַרץ,
דאָס בלוט איז דאָרט רויט, ווערט קיינמאָל נישט שוואַרץ,
און אויגן פאַרמאַכטע ווערן אָפן אויף אייביק,
און בליקן אין שרעק צוריק ווערן גלויביק,
געזאַנג מיט געזאַנג וועבן דורך זיך ווי שטראַלן,
פון געפאַלענע בלומען און בלומען וואָס פאַלן,
אייביק דאָס לעבן און ליכט גייט דאָרט אָן,
אויף מענטשלעכן לשון עס הייסט — פאנטעאָן.

הייבט אויף די מאַמע איר קאָפּ פון אבילות,
און טרינקט מיט די אויגן די זילבערנע קולות,
פון קוואַליקן חלום אין אייביקער זון,
און דערהערט דאָרט דאָס קול פון איר געפּאַלענער בלום.
פאַרגעסט זי דעם חושך פון עלנטע גריבער,
די פינצטערע שוועל ווו איר זון איז אַריבער,
און זינגט אויס מיט זילבער־געוויין; ער איז דאָ,
הללויה.
הללויה.

לאָז איך דעם זילבער אויף מאַמישע וויע,
קער אָפּ אין אַ ווינקל און רייס דאָרט מיין קריעה,
אויף חלום גערדאַכטן, דעם אויסגעטראַכטן,
אויף אויגן פון בלומען אויף אייביק פאַרמאַכטע,
אויף קרישטאָלענעם באַרג אין ערגעץ געשטיגן,
אויף נאַכטיקן אמת און גילדערנעם ליגן,
און ווען מאַמע פאַר חלום בלויען בלייבט שטיין,
גייט אָפּ מיין געביין אין וועג פון געוויין.

פון זעלבן מחבר:

פונקען אין אַש — לידער

אין שיין פון ברענענדיקן דאָרן — לידער

אַ קרוג מיט ווײַן — לידער

וואַנדערשטאָק אין בלי — לידער

באש הוא אדם — ספורים

אין וועג צום אַלטן מאַן — דערציילונגען

MAN IN HIS WAYS — STORIES

דער אָנהייב — דערציילונגען